בס"ד

דאס געמיט / פונעם איד / נאך א געהויבענע תפילה פראוועגען / קאכט און זידט / דאס הארץ עס ציעט / נאך מער דאווענען / באקומט אין שול / דעם געפיל / קיין איין ווארט עס גייט פארלוירן / שפיר'ט פריוואט / ער האט געהאט / אפן אלע טויערן / טאטע איך וויל דיך לויבן / אז דו האסט מיך מיט דעם דערהויבן / רבת **מיט'ן אויבערשטן / 140 מינוט פון הנאה ברוחניות ובגשמיות / מיט'ן אויבערשטן /** רבת אלקים / שפיר איך אומעטום / שטענדיג איז דיין טיר / ברייט אפן פאר מיר / ווי א קינד קען איך רעדן צו דיר / אוי צום איד איז קיינער גלייך / ער פארמאגט א שפראך / פון אלע דורות / די מסורת / די ערשטע זאך געוועז ביי זיי / אוי אוי, תפילה אונזער פאך / די אדרעס ביי יעדע זאך / מ'וויינט זיך אויס / קומט ארויס / ווי פריש געבוירן ניי / אוי טאטע איך בעט דיך זייער / צינד אן אין מיין הארץ דעם פייער / אלץ געדענקען, בעטן האפן, דארף מען נאר צו דיר / און דו פון מיר, זאלסט נישט אפקערן / שטענדיג מיין געבעט אויסהערן / מיין פארלאנג ערפילן געבן, פיל גוטס אן א שיעור / טאטע איך וויל דיך לויבן / אז דו האסט מיך מיט דעם דערהויבן / קרבת אלקים / שפיר איך אומעטום / שטענדיג איז דיין טיר / ברייט אפן פאר מיר / ווי א קינד קען איך רעדן צו דיר / מיין קינד געדענק / ווי איך בענק / צו דיין שטימעלע דעם זיסן / דאס איך שענק / נאר פאר ענק / קענען מיט מיר אויסשמועסן / צו דעם קרעכץ / אזוי איך לעכץ / סיי פון נאנטע סיי פון ווייטע / און נאך מער / ווען איך הער / דיין געשריי טאטע / ווען דו טוסט מיך לויבן / ווערט מיין כבוד מער דערהויבן / השם הוא האלקים / ווייל דו ביזט אומעטום / דעריבער איז מיין טיר / ברייט אפן פאר דיר / ווי א קינד קענסטו רעדן צו מיר / אוי עד כדי כך / ווען אידן געבן שבח / זאג דער בורא / אט די סחורה / איז גאר חשוב אזוי ביי מיר / אוי אוי מער ווי שבחים / פון מלאכים / איך וויל הערן / אלעס גערן / פארט פון אידן פריער / מיין קינד, ווען דו זאלסט קלערן / וויפיל תענוג דו טוסט מערן / ווען פון

# אליעזר יקיר ברוין

# מיט'ן אויבערשטן

# דברים אחדים

**א**ומר שירה. **ל**מושל בגבורה. **י**וצר היצירה. **ע**וטה אורה. **ז**יוו להאירה. **ר**חמיו להתגברה.
**י**קירו בתדירה. **ק**הלתו לְעֲטָרה. **י**שראל בתפארה. **ר**חומיו להתאזרה.
**ב**חסדו שגברה. **ר**וחי נתעוררה. **ו**נתנני תשורה. **י**ותר מהשורה. **נ**עימו לשוררה.

**אליעזר** כי אלקי אב"י בעזרי בתשועה ועזרה. **יקיר**ין מילין לעבד כתרין ביקרה. **ברון** שיר ושבח לה' לזמרה. וזיכני ה' להפיצם בישראל ולחלקם ביעקב שה פזורה. בראשון לאמור לעם ישראל **חזקו ואמצו** כל נפש מרה. ושני בדומה לו להתודע ולהגלות כי **יש מנהיג לבירה**. ועתה בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לקיים תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' - **מיט'ן אויבערשטן** - בכל מצב ותמורה.

ואם כי עלה הדבר בטרחות ויגיעות מרובות ודמים **תרתי** משמע עד בלי לשערה. **ושלישים** על כולו שלא אוכל לבארה. אבל הסתכלתי **בשלשה** דברים כי יצא הפסדה בשכרה.

- קדושה **המשולשת** ומפורשת בספרי קודש באזהרה. בגודל הזכות של כל אחד מישראל לחזק ברכים כושלות באמונה טהורה, והן עם **תליתאי** זקנים אברכים ונערים למאות אשר טרחו בקא"ל קורא בתודה וקול זמרה, כי ע"י סידיס אלו **המשלשים בשלש** קדושות אמונה ובטחון והודאה לה' הטוב בשפה ברורה. **חיזקו ואימצו** את לבביהם כי **יש מנהיג לבירה** ברב חסד ואורח ישרה.

- **ברכה המשולשת** בתורה ע"י גדולי התורה, שנתייעצתי עמהם על כל פרט גדולה וזעירה. והם שהמריצני נמרצות להמשיך עוד ביתירה. וברכני בכל הברכות שאצליח בזאת המהדורה. ושלא אכשל בלשוני נגד רצון ה' ובל אחטיא המטרה.

- **משולש בכתובים** הם המכתבים מעומקי לב שהגיעני בבי דואר השערה. מאלו שהיה ל"ע רוחם נשברה. הורים אצל מטת צאצאיהם אשר חליים נתגברה. מדוכאי יסורים חלים כמבכירה. צעירים וצעירות אשר לבריאות אביהם ואמם מתחננים בעתירה. גלמודים שנתייאשו משמחת חיים מאירה. אנשים שבביתם היה ריב ועברה - ה' ישמור ויציל הם וכולנו ששום רע או מר בל עוד יקרה - כל אחד בלשונו כתבו זאת השורה. כי סידיס אלו היה מעוזם בעת צרה. והרגש אמיתית 'כִּי עִם ה' הַחֶסֶד וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת' בלבם נתחברה. ורוח חיים התחיל בם להתאשרה.

וקולי אל ה' אקרא בהפצרה. שיהיו דברי אלה לחן ולחסד לכל שומע דברה. לחזק ולהתחזק תמיד באמונה הצרופה זכה וברה. ואם רחקנו כמדתינו נא אתה קרבינו כמדתך 'בקרבת אלקים' בלי מדה ומשורה. ונזכה בקרוב ובמהרה. לשמוע קול שופר בהדרה. בביאת משיח צדקינו ובנין בית הבחירה.

חודש מנחם אב תשפ"ב לפ"ק

הק' אליעזר יקיר ברון

להערות יכולים להתקשר אלי: 845-662-3611

שלמה יונגער
דומ"ץ
ק"ק טאהש
קרית יואל, ניו יארק

RABBI SHLOME YOUNGER
4 KROLLA DR. #201
MONROE NY 10950
845-248-8021


בעזהשי"ת

זכות גדול זכה האי גברא יקירא, ה"ה ידידי הרה"ח המפורסם לשבח ולתהילה מוהר"ר **אליעזר יקיר ברוין** ני"ו, לשמח לבבות נשברות לחזקם ולאמצם ע"י ה'סי-די"ס המפורסמים "**חזקו ואמצו**", "**יש מנהיג לבירה**", ובעיני ראיתי איך שחולי ישראל מתחזקים בניגונים אלו ובדיבורים המתוקים מדבש מפיקים זיו ונוגה בעולמם הנדכה, ומשמיא קא זכו לי' בזכות גדול כזה. ועי' מ"ש בבעל הטורים פ' זו עה"פ ואתחנן אל ה' בזה"ל 'לעיל כתיב לא תיראום, חזקתי את ישראל אולי ירחם עלי' עכלה"ק, והוא דבר נורא שמשה רבינו אדון כל הנביאים לא מצא זכות בעצמו רק זאת ש"חזקתי את ישראל".

והמפורסות א"צ ראי', וה'סידי"ס הנ"ל כבר נתפשט בקרב בית ישראל ונתקבלו באהבה ובחיבה, והוא שוה לכל נפש לגדולים ולקטנים, אנשים ונשים, והוא מלא באמונה בה' ובטחון באלקי ישראל וחיזוק לכל מצב שהוא.

וכעת מתכונן בס"ד להוציא לאור חלק ג' "**מיט'ן אויבערשטן**", וכמעשהו בראשונה ובשני' כך מעשהו בשלישי להחיות רוח שפלים לאמץ ברכים כושלות לקבל דין שמים באהבה ובשמחה ובאמונה בה', ולחזק כח התפלה, ועברתי על החומר ומצאתיו מלא תוכן ומלא וגדוש בדיבורי אמונה והתחזקות.

ויה"ר שיזכה גם להלה להפיח חיות וחיזוק בלבבות נשברות עדי נזכה שהרופא לשבורי לב יחבש לעצבותם, וישלח לנו במהרה את אליהו הנביא לבשר לנו את הישועה אמיתית וישלח לנו מלכינו גואלינו משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

וע"ז באעה"ח אור ליום ג' שנכפל בו כי טוב לסדר אשר לו אלקים קרובים אליו (ואתחנן - נחמו) תשפ"ב לפ"ק.

הכו"ח
שלמה יונגער
פה קרית יואל
יצ"ו

מיט'ן אויבערשטן

# Credits:

**Produced by:** Shlome Wechter

VOLUME STUDIOS

**Drums:** Avi Avidani

**Bass:** Guy Dan, Arya Volnitz

**Guitars:** Nachmen Dreyer, Avi Singolda

**Piano & Synth:** Yaron Gutfreid
Isumur Gross
Shlome Wechter
Motty Noe

**Brass:** Danny Flam & Co.
Moran Baron
Rafi Davidov

**Woodwinds:**
Avrumi Basch
Dor Assraff

**Clarinet:** Avrumi Balti

**Strings:** Ayel Shloach & Co
Loka Salzman and co.
Zemirot Philharmonic

**Narration Music:**
Motty Noe
Duvid Hershkowitz
Ephraim Berkowitz

**Mix & Master:** Shlome Wechter

Sound Sweet Studio
Sound Sweet Studio
Soundsweetstudio@gmail.com
929-722-5215

**Recorded at:**
Volume Studios - Brooklyn NY
Dididum Studios - Brooklyn NY
Gal Kol - Bnei Brak
Zemiros Studios (Banet) - Bnei Brak
Y. Porat Studio - Jerusalem
Shevach Studios - New Square NY
Keybird Studio - Monroe NY
Chein Studios - New Square NY
MK Studios - Monroe, NY

keybird MK dididum Chein

**Technicians:**
Israel Orbach
Shlome Wechter
Avi Korlansky
Mendy Fekete
Yossi Gluck
Ephraim Berkowitz

**Adult Choirs Arranged:**
Shloime Wechter
Mendy Fekete
Yiddy Landau

**Kids Choir:**
Yossi Gluck - Shavach Studios

**Distribution:**
L'chaim Distributers

**Special Thanks:**
Israel Orbach
Chaim Moses
Chaim Gottesman

**Cover Design:** Article Image / 845-738-1377

Sponsored By:

Dunrite
ELECTRICAL CORP.
Licensed Electrical Contractor
718.486.3960

MEN'S CORNER
845-782-6756
Ultimate Haberdashery
845-782-6756

Track 1

## ניגון א'

# לויב געזאנג

תהלות תהלות לקל עליון
לקל עליון גואלם
פול מיט לויב צו דיר טאטע קרוין
אינאיינעם בקול רם

תהלות תהלות לויב געזאנג
באלד פון אינדערפרי
הייב איך תיכף אן פון אנפאנג
מיט מודה אני

ברוך הוא ומבורך
א מתנת חנם שענקסטו מיר דאך
מידך המלאה תמיד נאך און נאך
יעדן טאג פון די וואך

ברוך הוא ומבורך
אלע גלידער שרייען מיט א קאך
ברוך הוא ומבורך
אוי טאטע זיסער מה אשיב לך

פאר די גוטס
מיט די שיך
וואס ער שטענדיג שענקט
און דאס בינד
צו יעדעס קינד
אוי ווי שטארק ער בענקט
יעדער א בן יחיד איז ביי אים

טאג און נאכט
ער גיט אכט
אויף זיינע שאף געטריי
פון די פיינט
נישט פון היינט
תמיד היט ער זיי
לאמיר אים צוזאמען דאנקען פאר דעם

נשמת נשמת כל חי
בענטשן דיין נאמען דורכאויס
יעדעס באשעפעניש מיט זיין געשריי
פון טיפעניש עס קומט ארויס

מן העולם פון אייביג אן
ביזטו דער איינציגער גאט
ווייל נאר דו קענסט דאך אלעס טאן
השם אחד ושמו אחד

אפילו ווען אונזער מויל וואלט געווען פול
מיט שירות ותשבחות גאר אן א גבול
און אונזערע צינגען פול מיט לויב געזאנג
ווי די ימים כוואליעס, וואס זענען טיף און לאנג

אויך דאן ווען מיר וואלטן אלעס אנגעווענדט
וואס עס ליגט אלץ נאר, ביי אונז אין די הענט
וואלטן מיר קיינמאל באצאלן נישט געקענט
פאר דיינע חסדים, אפילו איין פראצענט

דו ביזט איינס
דו אליינס
מאכסט דאך יעדן פלאן
און פון דיר
איז קיינער פריער
און קיינער וועט נישט זיין
אתה הוא ראשון והוא אחרון

דו באגליקסט
און דו שיקסט
יעדן זיין פארלאנג
און דערפאר
גרויסער האר
זינגען מיר געזאנג
תהלות תהלות לקל עליון

**הניגון מוקדש**
**לעילוי נשמת**
**הרה"ח**
**ר' אביגדור**
**שלום ב"ר**
**דוד מרדכי ז"ל**

**ולזכות זו' הה'**
**תבלח"ט חי' בת**
**בילא שתחי'**

**הונצח ע"י**
**משפחתם שיחיו**

**מחבר הניגון:** ר' אלי' ברייער נ"י
**מוזיק אראנדזשירט:** הר"ר נתנאל זאב שטיינמעץ נ"י
**מנגן:** ר' יואל באלקאוויטש נ"י

# פַּארוואָס:

Track 2

און אט אזא שיין לידעלע פון לויב, דערפרייט אזוי א אידיש הערצעלע, ס'הייבט אויף דעם מענטש פון שטויב, און היילט אויס יעדעס שמערצעלע / דאס הארץ אביסעלע זי דערוואָרעמט זיך, וויסענדיג אז ס'איז דא א זיסער בורא וואס אויף אונז דערבארעמט זיך / מיט א לידעלע קען עס אפט טאקע געלונגען, אבער טייערע אידן, וואס מיר דארפן איז נישט בלויז לידעלעך זינגען, נאר מ'דארף זעהן ס'זאל אין הארצן טיפער אריינדרינגען / אז מיר פארטראכטן זיך גוט אין די ווערטער, וואס מיר זאגן יעדן טאג דריי מאל, טוב ה' לכל, אז דער בורא עולם איז גוט צו יעדן, אייביג און איבעראל, ורחמיו על כל מעשיו, מיט רחמנות אן א צאל / ביי ברכת המזון זאגן מיר שבכל יום ויום הוא הטיב הוא מטיב הוא ייטיב לנו, צי ביי שמונה עשרה, ועל נסיך שבכל יום עמנו / ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובקר וצהרים, אלעס טוט דער גוטער באשעפער, ס'איז דאך נורא ואיום / השי"ת בלאזט כסדר אריין א חיות אין יעדע קלייניגקייט, דערמיט גיבט ער אריין דעם כח המעמד, נאר אזוי די וועלט זי שטייט, אויף איין רגע חלילה אויב ער לאזט זי אפ וואלט זיך אלעס איבערגעדרייט.

יא ס'איז אמת, מיר געפונען די און נאך ענליכע דיבורים ביי די תפילות כסדר, אבער פארט פילן מיר דאס נישט פונקט אזוי אין שווערע מצבים ליידער / ווי קען מען באמת פילן דעם טוב ה' לכל, זייער זיסע דיבורים, ווען פאקטיש שטיי איך יעצט אין א מצב וואס איך ליידט ליידער יסורים / אה, דארף מען אפיר נעמען דעם טייערן אוצר וואס הייסט גלויבן, יא איך בין א איד א מאמין איך גיי ווייטער מיטן קאפ אויפגעהויבן / כ'גלייב אז דער בעל הרחמים מיט א פונקטליכע חשבון פירט די וועלט, ס'איז אלעס חסד טאקע נישט חסדים גלויים ס'איז נאך דערווייל פארשטעלט.

דער הייליגער אפטער רב טייטשט, דימינו אלקים, ס'האט זיך מיר געדאכט, אז ס'איז מדת הדין וואס דו באשעפער האסט געמאכט / אבער חסדך בקרב היכלך, ביי דיר אין דיין היכל דארט, איז עס באמת חסדים פונעם גרעסטן סארט / אלעס איז בלויז פאר מיין טובה וועגן, אויב אזוי, וועל איך אוודאי קיין קשיות נישט פרעגן / אוודאי, בשעת די צרה איז שווער צו טראכטן אז דאס איז טאקע פאר מיר גוט, אבער  למעשה, דא שטעקט דאך אונזער אמונה, וואס ליגט אין אונזער בלוט.

איז לאמיר טראכטן ווען למשל א גרויסער עושר זאל אונז אזא געשעפט אנטראגן, אז ווער ס'איז גרייט זיך צו לאזן שלאגן / וועט ער פאר יעדן פאטש באצאלן טויזנט גאלדענע רענדלעך, וועט יעדער זיין גרייט צו ליידן די פעטש, דאס איז זעלבסט פארשטענדליך / פארוואס? דאס איז דערפאר, ווייל אט אט זעהט ער שוין דעם שכר / איז ברידערלעך טייערע, עאכו"כ אונזער בארימהארציגער טאטע דער געטרייער, וואס זיין אהבה צו אונז, זיינע ליבע קינדערלעך, ברענט דאך ווי א פייער / דארפן מיר גלייבן אין די דברי חז"ל און פון די צדיקי אמת פון אמאל, אז דער בורא עולם וואס מיט אזויפיל ליבשאפט איז בוחר בעמו ישראל / וועט ער אונז דען שולדיג בלייבן פאר די ביטערע ליידן ווייטאג און פיין, געוואלד! כי אנו בניך ואתה אבינו, קיין גרעסערע נאנטשאפט קען דאך גארנישט זיין / כי אין שכחה לפני כסא כבודך, קיין שכחה איז גארנישט פארהאנען, מיר וועלן פלוצלינג פארשטיין, וואס מיר האבן אמאל נישט פארשטאנען / לאמיר זיך אינאיינעם מחזק זיין, און מיט שמחה אנפילן אונזער געצעלט, זיך האלטן שטארק טראץ וואס די חסדים זענען דערווייל נאך פארשטעלט, און בקרוב וועלן מיר באגאסן ווערן מיט שכר ווי פון א ברינען וואס קוועלט און קוועלט.

**Track 3**

**ניגון ב׳**

# פארשטעלטע ליכט

**שווארצע וואלקנס, האבן פארשטעלט די ליכט**
**דעם גאנצן האריזאנט פארטונקעלט**
**אביסל זונען שטראלן אוי אוי ווי שטארק מ׳זוכט**
**צו זעהן ווי דער שיין עס פונקעלט**
**אבער דעם אמת דארף מען דאך וויסן פארט**
**עס קוקט אויס גאר פינסטער אויף די וועלט**
**אבער העכער די וואלקענעס, אוי איז ליכטיג דארט**
**די זונען שטראלן זענען בלויז פארשטעלט**

א מעשה א קראנטע, פון די פילע באקאנטע
וואונדערליכע בעל שם טוב׳ס סיפורים
חסידים בני עלי׳, ווילן פועל׳ן א ישועה
פאר א צדיק וואס ליידט פיל יסורים

זיי בעטן דעם גבאי׳ן, זאל א קוויטל שרייבן
פארן הייליגן אור שבעת הימים
א פדיון זיי געבן, בעטן זיךביים רבי׳ן
ער זאל פועל׳ן ביים רבון העולמים
ווייל יעדער עס ווייסט, אז דער רבי הייסט
איז מען מסכים אויך דארט בשמים
ער פועל׳ט ביים מלך עוזר, ווייל אז צדיק גוזר
והקדוש ברוך הוא מקיים

א פחד א שרעק, עס נעמט נישט קיין עק
דער מצב טוישט זיך קיין האר נישט
מען זעהט נישט קיין שיין, אוי ווי קען דאס זיין
פון רבי׳נס שטוב ארויסגיין מיט גארנישט

זיי שטייען מיט ספיקות, און דער רבי מיט דביקות
נעמט זיך רעדן קלארע דיבורים
צו ווייסט איר אז איצט, ווערט איר גאר באשיצט
בזכות פון צדיק׳ס, שרעקליכע יסורים

און דאס קומט וויבאלד, דא נישט ווייט אין וואלד
שטייען רוצחים גרייט יעדן אטאקירן
און ביז געציילטע טעג, ווערן זיי אפגערוימט פון וועג
און דער צדיק וועט, מער קיין ווייטאג שפירן

**דער בורא האט דיך ברודער אראפגעשיקט**
**אויף די וועלט הונדערט און צוואנציג יאר**
**אלעס גייט דיר גוט און פיין, דו ביזט באגליקט**
**די זונען שטראלן שיינען אזוי קלאר**

**עס טרעפט זיך צייטן, ס׳איז נישט אנגענעם**
**צער חלילה, הערשט ביי דיר אין געצעלט**
**א גרויסע ליכט גלייב אז עס ליגט דארט אונטער דעם**
**דערווייל איז זי נאך פון דיר פארשטעלט**

ביי פרעה הרשע, אזא עבודה קשה
ארבעטן די אידן אין מצרים
מ׳שוינט נישט אפ קיינעם, בחומר ובלבנים
ווי די פסוק זאגט, וימררו את חייהם

נישטא קיין ברירה, עס איז א גזירה
פאר אברהם אבינו דער בורא זאגט קלאר
אונטער א קעניג אזוי שלעכט, זיין פארפייניגטע קנעכט
אנגיין אזוי, פיר הונדערט יאר

אבער יעדער עס ווייסט, מ׳ווערט פריער אויסגעלייזט
ווייל די ארבעט איז גאר שווער געווען
די קושי השיעבוד, גייט נישט לאיבוד
אנשטאט פיר הונדערט, בלויז צוויי הונדערט און צען

א פחד א שרעק, פיל מאל כאפט מען שלעק
צומאל א מחשבה שווער אויסצומיידן
וויפיל איז די שיעור, פארוואס קומט עס מיר
ווילאנג וועל איך נאך מוזן אזוי ליידן
אידעלע, התחזקות שעפ, ס׳איז דא א חשבון אויף אלע קלעפ
נאך אביסעלע ס׳איז כדאי צו שוויצן
ווען די מצב איז גאר שווער, געב א טיפן קלער
פון וויפיל צרות, עס טוט דיך גאר באשיצן

ס׳איז בלויז א דורכגאנג, ס׳וועט נישט נעמען לאנג
דיינע ווייען וועט דער בורא אויסהיילן
פאר יעדע טראפן צער, ווערסטו שטארק באלוינט דערפאר
און דאס אלעס, אין פריידן נאך דערציילן

**דער בורא האט דיך ברודער אראפגעשיקט**
**אויף די וועלט הונדערט און צוואנציג יאר**
**אלעס גייט דיר גוט און פיין, דו ביזט באגליקט**
**די זונען שטראלן שיינען אזוי קלאר**
**עס טרעפט זיך צייטן, ס׳איז נישט אנגענעם**
**צער חלילה, הערשט ביי דיר אין געצעלט**
**א גרויסע ליכט גלייב אז עס ליגט דארט אונטער דעם**
**דערווייל איז זי נאך פון דיר פארשטעלט**
אט וועט ווערן ליכטיג אויף דער וועלט

**מחבר הניגונים:** הרה״ח ר׳ יו״ט ערליך ז״ל
**מוזיק אראנדזשירט:** ר׳ שלמה זלמן וועבסטער נ״י
**מנגן:** ר׳ אייזיק האניג נ״י

**הניגון מוקדש**
**לעילוי נשמת**
**הרה״ח ר׳**
**אליעזר אבא**
**ב״ר חיים הכהן**
**ז״ל**
**וזו׳ הה׳ מרת**
**דינה רחל**
**בת הרה״ג ר׳**
**עוזר הכהן ז״ל**

**הונצח ע״י בנם**
**הרה״ח ר׳ יחיאל**
**מיכל הכהן**
**הערמאן הי״ו**

# פאָרוואָרט:

Track 4

זענען מיר דען די אהבה פונעם בורא עולם משיג, און אפשר וועט דעם קאזשניצער מגיד'ס משל זיין פאסיג / ס'איז אמאל אפגעפונען געווארן א פארלוירן קינד, וויאזוי קען מען אפזוכן זיינע עלטערן אצינד / קומען צו גיין צוויי מענטשן, מיט איין טענה, דער שרייט ס'איז מיינע, און דער שרייט ס'איז מיינע / איינער טרעפט א וועג צו איבערציינגן, דערלאנגענדיג א צוקערל פארן קינד, נו! זעלבסט פארשטענדליך, ער קומט צו לויפן צו דעם מענטש געשווינד / נו... זעהט איר שוין קלאר איין, אז דאס קינד איז מיין / רופט זיך אן יענער, איך וועל ענק ווייזן נאך שענער / מיט'ן ווארפן א צוקערל פארן קינד, נישט קיין שלעכטע פלאן, אבער ס'איז פארט נישט קיין ראי' אז ער איז דיין / לאמיר פרובירן אויף א צווייטן אופן, איך וועל אים דערלאנגען א פעטשל, און דאן לאמיר זעהן צו וועם וועט ער לויפן.

אין אבן עזרא איז דא א לשון מפניך אברח אליך... דאס מיינט..., פונקט ווי א קליין קינד כאפט פון טאטן א פעטשל, לויפט ער שנעל אוועק, אבער עס דויערט נישט לאנג און ער קערט זיך אום צו אים מיט שרעק, ווייל ער באגרייפט, אז נישט מכח פיינטשאפט חלילה, האט ער באקומען די שלעק / נאר אדרבה! ווייל ער איז אזוי נאנט אז נענטערס איז גארנישט פאראהאנען, גיבט ער אים א פעטשל צומאל, בלויז אים צו דערמאנען / ס'איז דא איינער וואס גיבט אויף דיר אכט, און פון דיר ער טראכט, כסדר טאג און נאכט.

יא אוודאי, זיכער איך גלייב, ס'זאגט זיך אזוי לייכט, אבער ס'איז נישט אזוי פשוט ביז דאס ווערט באמת דערגרייכט / ס'איז באמת זייער גרינג צו גלייבן און צו האפן, ווען דער צווייטער איז דער וואס ווערט באטראפן / מ'קען אפילו יענעם מיט פילע שיינע חיזוק ווערטער באגיסן, מיט הארציגע געשיכטעס, און שטארקע השקפה שמועסן / יא יא ס'איז אלעס וואויל און פיין, ביז ח"ו עס רירט אן זיינע נאנטע, אדער גאר אים אליין / וואס איז פלוצלינג געשען מיט דיין פעסטע אמונה, האט דען ביים בורא כביכול פאסירט ח"ו עפעס א שינוי / וואו זענען נעלם געווארן אלע דיינע שיינע ווערטער פון אמונה און בטחון, מיט וואס דו האסט נאר וואס באגאסן דיין חבר, דיין שכן / מיר וועלן לאזן דעם ענטפער אפן, אז דער מח זאל אביסל טראכטן, זאל יעדער אליין פרובירן דעם טעגליכן מציאות החיים באאבאכטן. / אבער למעשה מוזן מיר מיט אלע געוואלדעס ארבעטן אויף אמונה ס'איז נישטא קיין ברירה, נאר אזוי קענען מיר אריבערטראגן, דער אויבערשטער זאל אפהיטן א שווערע גזירה / און כדי די דרגה צו קענען ערגרייכן אין אונזער עולם הנסיון, אויף יעדן טריט טאג טעגליך, איז בדרך הטבע זייער שווער, מ'קען גאר זאגן אז ס'איז ממש אפילו אוממעגליך / ס'איז נאר דא איין עצה, זיך צו עפענען דאס הארץ מיט תפילות ותחנונים, דאס וועט אונז בעזר השם ברענגען הצלחה, סייעתא דשמיא, און המתקת הדינים.

# אנטפלעקט דעם סוד

Track 5

ניגון ג'

די כוונות אויסטערלישע
פון הייליגן בעל שם טוב'ס קדושה
יעדעס ריר, יעדע שפּאציר
האט געברענגט א הימלישן שיין

ער רופט צו זיך תלמידים גרויסע
שטייען גרייט צו הערן די נושא
ער שטעלט פאר זיי פאר, זיין רצון גאנץ קלאר
ער מוז האבן מהודר'דיגע ווין

אויף די רייזע מ'טוט זיך קלויבן
ס'קען געדויערן וואכן און טעג
אין די מרחקים זוכן טרויבן
מיטמאכן גאר א שווערן וועג
ס'איז ווינטער, די קעלט עס שניידט
אוי צום לערנען איז אויך קוים דא צייט
אבער יעדער ווייסט, אז דער רבי'ס הייסט
דעם זיך, לייגט מען אויף א זייט

די געפילן קאכן, לאנגע וואכן
יעדער טריט מיט שוועריגקייט, ווידער און ווידער
שטייען תלמידים, מיט גרויסע יחודים
אז דער ווין זאל זיין מהודר
און פארשטענדליך, מ'פירט שוין ענדליך
די ווין אפגעהיטן, מיט סייעתא דשמיא
א לויב זיי געבן, אז דעם הייליגן רבי'ן
אט גייט מען זיין מחי'

ווי געהויבן איז דער געפיל
כמעט מ'דערגרייכט שוין, דעם ציל
מיט גרויס אהבה, אל ביתו נאוה
מ'שטייט שוין אט נוכח הפתח

ביים גרעניץ, זיי ווערן שאקירט
זעענדיג א וועכטער קאנטראלירט
נישט וואס צו טענה'ן
עפענט אויף די ויינען
עס ווערט ליידער יין נסך

ווי גרויס איז דער ווייטאג דער צער
קען מען דען א טרייסט געפונען
נאך מסירת נפש עד אין לשער
זאלן אלע פלענער, אזוי אויסרינען
א וואונד וואס מ'קען נישט היילן
ווי קען מען דאס, דעם רבי'ן דערציילן
אוי, אזא בראך, אבער מוזן וועט מען דאך
מיטן רבי'ן דאס אלעס מיטטיילן

ווען דער הייליגער בעל שם, הערט זייער קלעם
מיט ליבשאפט ערקלערט ער, וואס דא איז געשען
ס'איז קלאר ביי מיר, אז ביי יעדן ריר
האט איר זיך מוסר נפש געווען
נאך אלעם פארט, פארזען האט איר דארט
בעטן ביים רבונא דעלמא כולא
א מענטשליכע פלאן, קען נאר מצליח זיין
מיט א הארציגע ריינע תפילה

דערהערטס, תלמידים טייערע
דעם לימוד, פאר אייער לעבן
לייגט דאס אין די אוצרות אייערע
און פאר די דורות, איבערגעבן
אז נאר מיט תפלה בלב תמים
ביים בורא כל העולמים
פועל'ן קען מען דאך, חסדים נאך און נאך
לאורך ימים

הניגון מוקדש
לעילוי נשמת
הרה"ח ר'
אברהם יהודה
ב"ר משה לוי
ז"ל וזו' הח' מרת
מאטל שבע
בת הרה"ח
ר' זאב ז"ל

הונצח ע"י חתנם
הרה"ח ר' פנחס
לוי שטיינמעץ
ובניו שיחיו

**מחבר הניגון:** ר' בנציון שענקער ז"ל
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' מענדל בעקטעט נ"י
**מנגן:** ר' שמעון יואל וועבער נ"י
**ספעציעל'ע דאנק:** הר"ר פנחס מרדכי וועבער הי"ו

# פאָרוואָס:

Track 6

אט אזוי האט דער הייליגער בעש"ט געלערנט זיינע גרויסע תלמידים, א קלארע לימוד פאר אונז, און פאר די דורות העתידים / מ'קען אפילו אלעס טון מיט אזא זהירות, אז ס'האט נישט קיין שיעור, אבער אויב עס איז נישט אויסגעבעט מיט א תפילה פון פריער, קען אלעס צוגיין ווי א נאס שטיקל פאפיר, און מיין נישט אז ווייל דו ביזט שוין יארן א גביר, וועט עס אויטאמאטיש אלעמאל בלייבן ביי דיר, זיי מתפלל ביי יעדן ריר, זאלסט חלילה נישט דארפן קלאפן ווי א ארימאןביים טיר / פארלאז דיך נישט אויף דיין שכל און פארשטאנד, נאר האלט אין איין מתפלל זיין און בעטן נאכאנאנד / איידער דו טראכסט עפעס צו טאן, פארגעס נישט וואס ס'דארף ביי א איד פארנעמען דעם אויבן אן / די ערשטע זאך, א תפילה, אפילו א קורצע געבעט, באשעפער, באגלייט מיינע פיס טריט וואו איך טרעט / און די תפילה קען אפילו זיין אין מאמע לשון, אין יעדע שפראך, דער באשעפער זאגט א ריינע תפילה, דאס איז וואס איך גלייך / ווי מיר ווייסן פון אלטע אידענעס, וואס האבן אפילו קיין עברי נישט געקענט, אבער דאס הארץ איז געווען ריין, לויטער, אינעווייניג האט געברענט / די תפילות זענען דאך געווען צוקער זיס אה א געשמאק, און דערמיט האבן זיי אויסגעפּועל'ט ישועות א פאק / איז לאמיר זיך צוגעוויינען נעמען די שליסעלע אין אונזער לעבן, פאר יעדע פעולה זיך דאס הערצעלע צום בורא אביסל אויסגעבן / כסדר האבן די ריכטיגע ווערטער, גרייט ארויס צו נעמען פון בוזעם, איז לאמיר זיך איינאיינעם איינ'חזר'ן, עטליכע צוגעפאסטע תפילה חרוזים.

נתנדב לזיכוי הרבים דורך:


## מיין אמונה

**כלל ישראל'ס אידישקייט פלאטפארמע**

אין א קורצע צייט קענט איר קונה זיין די א"ב פון א איד, אידישקייט און אונזער פערזענליכע קשר צום בורא כל, זיין רחמנות, חסד און אוצר פון מתנת חנם, פאר א יעדע איד אין וועלכע מצב בגשם וברוח ער געפינט זיך נאר!

**845.351.0416**

יש קונה אמונה בשעה אחת!

**אינהאלטסרייכע וועכענטליכע סעריעס און חודשליכע פראגראמען:** 7 מינוטיגע שיעורים און שמועסן, לענגערע אינטערהאלטונגען, פארברענגענ'ס, אינטערעסאנטע מעשיות, קאווע שטיבעל און נאך, צוגעשטעלט צו יעדע צייט אין יאר, געאייגענט פאר יעדע עלטער, פון גאר געשמאקע רעדנער'ס פון אלע חסידישע קרייזען, אין די נושאים פון אמונה, בטחון, השגחה פרטית, הכרת הטוב, הודאה און נאך...

הערט, פארמערט אמונה און פועל'ט א באלדיגע זיכערע ישועה!

## נשמותינו

**חיזוק ליין**

וואו איר וועט טרעפן אן אויסוואל פון געוואלדיגע חיזוק, עצות, און יעוץ דורך בארימטע בעלי דרשנים און מיטגעמאכטע אידן, ווי אויך ניגוני חיזוק פאר יעדן מצב

**718.760.1111**

א פראיעקט דורך "המספיק"

Track 7

# ניגון ד'

# א געבעט

יהי רצון
טאטע קרוין
שומע קול בכיות
טו מיך צוהערן
זעה מיינע טרערן
ווייל דיין רחמנות איז זייער גרויס

ס'איז באוויסט
אז קעניג דו ביזט
אנת הוא מלכא מלך מלכיא
אנצוגיין טעגליך
איז נאר דאן מעגליך
ווען עס איז דא סייעתא דשמיא

שוכן מעונה
מיט שמירה עליונה
טוסט דאך אונז באשיצן כסדר
בעט איך אצינדער
באגלייט מיינע קינדער
ווען צום לערנען זיי גייען, צופרי אין חדר

באלייכט אונז די אויגן
צו קוקן כהוגן
ערליכע חברים זיך אויסצואוועלן
נישט געשטרויכלט ווערן
זיך אהיימקערן
פון גוף ונשמה זאל גארנישט פעלן

די יונגע יארן
אוי ווי זיי פארן
די קינדער זיי שטייען שוין באלד אין שידוכים
טאטע באגליק זיי
די באשערטע שנעל שיק זיי
מיט א זיסן עתיד לחיים ארוכים

זאלן בויען אינאיינעם
א שטוב א שיינעם
זוכן צו ציען די אמאליגע דרכים
דורות פרישע
מיט נחת דקדושה
א בנין לעד ולנצח נצחים

דער חולה ער קרעכצט
אזוי ער לעכצט
זיך ענדליך ארויסזעהן פון שפיטאל
ס'איז דאך דיין יצירה
היט אים מיט שמירה
דו, ביזט דאך דער שומר ישראל

מיר ווייסן פון דעם
אז נעבן אים
צוקאפנס פון קראנקן, די שכינה זי רועט
בשעת דער פראפעסאר
אפערירט מיטן מעסער
זאל ער פון סכנות ווערן באהיט

איך טו מיך אנשטרענגען
פרנסה צו ברענגען
אזויפיל השתדלות, דערפאר אלץ טו איך
ווייס איך מתחילה
אז נאר מיט א תפילה
האב איך די מעגליכקייט, צו זיין מצליח

מיינע אויגן עפען
איך זאל ריכטיג צוטרעפן
קיינמאל חלילה, נישט מאכן קיין גרייז
קום מיר אנטקעגן
באלייכט מיינע וועגן
שטענדיג צו לעבן מיט הרחבת הדעת

איך מוז ליידער
האנדלען כסדר
צווישן גוים, ס'איז א ווי געשריי
טו מיר שענקען
א מוח צו געדענקען
אז איך דארף זיין, אנדערש פון זיי

נישט ווערן אפגעריסן
געדענקען און וויסן
אז מיר זענען, בני מלכים
מיט שטאלץ קענען שפרייזן
ביז מ'וועט אונז אויסלייזן
מיט א גאולת עולם לנצח נצחים

הניגון מוקדש
לעילוי נשמת
הרה"ח
ר' זאב ב"ר
אברהם
יהודה ז"ל

הונצח ע"י אשתו
ובניו שיחיו

**ניגון:** ערתיק - עם הוספה ע"י הר"ר אלי' ברייער נ"י
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' שמואל מרדכי נאה נ"י
**מנגנים:** ר' אליעזר יקיר ברוין נ"י עם הילד מענדל הלוי ווייס נ"י

# פאַרוואָס:

Track 8

איי איי, די הרגשים נאך אזעלכע תפילות קען דען אויסמאלן איינער, אוי דאס זיסקייט צוגיסט זיך דאך אין אלע זיינע ביינער, גליקליכער פון אים, אין די גאנצע וועלט איז קיינער, ער פילט, ער איז ארויסגעקומען א ציכטיגער א ריינער, אראפ פון הארץ, אלע שווערע שטיינער.

ס'איז נישטא דער כח די קראפט, וואס זאל אים קענען אוועקרירן פון זיין געוואלדיגע ליבשאפט / וואס ער פילט דאן צום בורא כביכול, דעם אין סוף, ווי שלמה המלך אין שיר השירים דרוקט זיך אויס דערויף / אם יתן איש, אויב איינער וועט דעם איד א געשעפט אנטראגן, אז ער איז גרייט אוועק צו שענקען זיין גאנץ פארמעגן וואס ער טוט פארמאגן / באהבה, ער זאל אויסטוישן זיין אהבה וואס ברענט אזוי, צום בורא ברוך הוא וברוך שמו, איז, בוז יבוזו לו / וועט ער יענעם זיכער שטארק פארשעמען, וואס?! איך זאל פארטוישן מיין אהבה פונעם קל מלך נאמן / מים רבים, פילע וואסערן וואס פארשידענע פעלקער פון איבעראל, האבן שוין פרובירט צו פארלעשן די אהבה מיט מיטלען אן א צאל, אבער האבן נישט מצליח געווען, און וועלן עס נישט באווייזן קיינמאל / ונהרות לא ישטפוה, ווי אויך לויפענדע טייכן וועלן איר נישט פארשווענען, די קעגן זייטיגע אהבה, צווישן דעם בורא עולם און אידן, קען קיינער קיינמאל נישט אוועקנעמען.

מיט וויפיל געגועים זאגן אידישע קינדערלעך אט די דיבורים, יעדן ערב שבת מיט אזא בענקשאפט ביי שיר השירים / משכני, גיב אונז נאר בלויז א צי צו דיר, טאטעניו געוואלד, אחריך נרוצה וועלן מיר צו דיר, זיסער בורא נאכלויפן באלד / ווייל אונזערע הערצער צו דיר זענען פול מיט בענקשאפט לרוב, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים, ואני קרבת אלקים לי טוב / באשעפער צו זיין שטענדיג נאנט צו דיר, לי טוב, אט דאס איז גוט פאר מיר, און ספעציעל ביים דאווענען נעם איך דאס אפיר.

**Track 9**

**ניגון ה'**

# קרבת אלקים

דאס געמיט, פונעם איד
נאך א געהויבענע תפילה פראווענען
קאכט און זידט, די הארץ עס ציעט
נאך מער דאווענען
באקומט אין שול, דעם געפיל
קיין איין ווארט עס גייט פארלוירן
שפירט פריוואט, ער האט געהאט
אפן אלע טויערן

**טאטע איך וויל דיר לויבן**
**אז דו האסט מיך מיט דעם דערהויבן**
**קרבת אלקים, שפיר איך אומעטום**
**שטענדיג איז דיין טיר, ברייט אפן פאר מיר**
**ווי א קינד קען איך רעדן צו דיר**

אוי צום איד איז קיינער גלייך
ער פארמאגט א שפראך
פון אלע דורות, די מסורת
די ערשטע זאך געווען ביי זיי
אוי אוי, תפילה אונזער פאך
די אדרעס ביי יעדע זאך
מ'וויינט זיך אויס, מ'קומט ארויס
ווי פריש געבוירן ניי

אוי טאטע איך בעט דיך זייער
צינד אן אין מיין הארץ דעם פייער
אלץ געדענקען, בעטן האפן, דארף מען נאר צו דיר
און דו פון מיר, זאלסט נישט אפקערן
שטענדיג מיין געבעט אויסהערן
מיין פארלאנג ערפילן געבן, פיל גוטס אן א שיעור

**טאטע איך וויל דיר לויבן**
**אז דו האסט מיך מיט דעם דערהויבן**
**קרבת אלקים**
**שפיר איך אומעטום**
**שטענדיג איז דיין טיר, ברייט אפן פאר מיר**
**ווי א קינד קען איך רעדן צו דיר**

מיין קינד געדענק, ווי איך בענק
צו דיין שטימעלע דעם זיסן
דאס איך שענק, נאר פאר ענק
קענען מיט מיר אויסשמועסן
צו דעם קרעכץ, אזוי איך לעכץ
סיי פון נאנטע סיי פון ווייטע
און נאך מער, ווען איך הער
דיין געשריי טאטע

**ווען דו טוסט מיר לויבן**
**ווערט מיין כבוד מער דערהויבן**
**השם הוא אלקים, שרייט פון אומעטום**
**דעריבער איז מיין טיר. ברייט אפן פאר דיר**
**ווי א קינד קענסטו רעדן צו מיר**

אוי עד כדי כך, ווען אידן געבן שבח
זאג דער בורא, אט די סחורה
איז גאר חשוב אזוי ביי מיר
אוי אוי מער ווי שבחים
פון מלאכים
איך וויל הערן, אלעס גערן
פארט פון אידן פריער

מיין קינד, ווען דו זאלסט קלערן
וויפיל תענוג דו טוסט מערן
ווען פון טיפן הארצן א געבעט פון דיר איך הער
וואלסטו נישט געטון אפטרעטן
טאג און נאכט ביי מיר געבעטן
איי דאס נאנטשאפט, איי דאס ליבשאפט
דורך דעם ווערט מער

**ווען דו טוסט מיר לויבן**
**ווערט מיין כבוד מער דערהויבן**
**השם הוא אלקים**
**שרייט פון אומעטום**
**דעריבער איז מיין טיר, ברייט אפן פאר דיר**
**ווי א קינד קענסטו רעדן צו מיר**

**הניגון מוקדש**
**לעילוי נשמת**
**הרה"ח ר'**
**אברהם אליעזר**
**ב"ר טובי' ז"ל**
**וזו' הח'**
**מרת חוה רחל**
**ב"ר מרדכי**
**יהודה הכהן ז"ל**

**הונצח ע"י נכדם**
**איש החסד ורב**
**המעש הרה"ח ר'**
**יואל לאנדא נ"י**

ניגון חב"ד
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' שלמה זלמן וועכטער נ"י,
א ספעציעלע דאנק פאר אברמי מאשער נ"י
הכרת טובה מיוחדת לכבוד ידידי הרה"ג ר' הלל יואל קעפעטש
שליט"א על עזרתו בהגהת הניגון.
**מנגן:** ר' מנחם מאשקאוויטש נ"י עם הילד יוסף ניסן זינגער נ"י

# פארוואס:

Track 10

און דאס אז דאווענען איז די געווער פון א איד, אפילו א קינד ווייסט, אבער די פראגע איז, צי דו פארשטייסט, באמת וואס ריכטיג דאווענען הייסט / וויאזוי וועט מיין דאווענען האבן די ריכטיגע השפעה, איך זאל דערצו טאקע זיין ראוי, די ענטפער איז זייער איינפאך, רחמנא לבא בעי, מיט וויפיל געפיל, מיט וויפיל הכנעה / השי"ת דארף דיין הארץ, נישט בלויז דאס באוועגן פון דיינע ליפן, נאר ממעמקים קראתיך, פון די טיפענישן יעדעס ווארט מיט ליבשאפט דורכזיפן / אלקים יראה ללבב, אין די שפאלטן פון דיין הארץ ער קוקט, און נישט בלויז אז דיין מויל איז געגאנגען, און דיין קערפער האט זיך געביקט / אין ישעיה קאפיטל כ"ט פסוק י"ג, רעדט זיך אפ כביכול אונזער טאטע אין הימל, מיט זייער מויל און ליפן, האבן זיי מיך מכבד געווען אן א שיעור, ולבו רחק ממני, אבער זייער הארץ איז געווען ווייט פון מיר.

כ'האב אמאל פון א חשובע'ר ראש ישיבה נישט לאנג, געהערט זייער א טיפן געדאנק / מ'פרעגט איינעם... זאג מיר נאר מיין גוטער פריינט, האסטו שוין געדאווענט היינט / יא היינט אוודאי... יעצט ענפער מיר קלאר און אפן, האסטו דיך שוין היינט מיטן בורא עולם אויך געטראפן? / דאס איז גאנץ א ציפעדיגע פראגע, נו, געפונען מיר זיך דען נישט אסאך מאל אין די זעלבע לאגע?.

איז טייערע אידן, לאמיר זיך אינאיינעם מיט אן אמת געבן אן עפן, און געדענקען אז דאווענען מיינט מיטן בורא עולם זיך צו טרעפן / מ'קען מתפלל זיין רואיג און שטיל, אבער אביסל הכנעה, דאס איז וואס דער בורא עולם וויל / עס זענען געווען צדיקים וואס פאר פחד ה' האבן זיי זיך בלויז געגעבן א שאקל אויך זעלטן, אבער זייערע הייליגע ריינע תפילות און כוונות, האבן געשאקעלט וועלטן / מלא געגועים מיט געוואלדיגע אהבת ה', אינאיינעם צונויף געפלאכטן, אט די הייליגע עבודה ביי יעדע איינציגע תפילה אפגעראכטן / און ריכטיג ארויסצוהאבן וואס מיינט א תפילה וואס גרייכט עד לב השמים, הערט די וואונדערליכע געשיכטע פונעם הייליגן חפץ חיים.

לזכר נשמת מרן קוה"ק רשכבה"ג רבינו **יואל** בן מרן **חנני' יום טוב** זי"ע מ'סאטמאר

---

לזכר נשמת הרה"ק רבי **הילל** בן רבי **ברוך בענדיט** זי"ע מ'קראסנא
לזכר נשמת הרה"ק רבי **אליעזר זוסיא** בן רבי **ישראל אברהם** זי"ע מ'סקולען
לזכר נשמת הרה"ק רבי **חיים זאנוויל** בן רבי **משה וויטא צפורה** זי"ע מ'ריבניץ
לזכר נשמת הרה"ק רבי **משה ארי'** בן רבי **ישראל** זי"ע גאב"ד ירושלים
לזכר נשמת הרה"ק רבי **שמואל צבי** בן רבי **אברהם אביש** זי"ע מ'ספינקא
לזכר נשמת הרה"ק רבי **יעקב** בן רבי **דוד יצחק** זי"ע מ'פשעווארסק
לזכר נשמת הרה"ק רבי **משולם פייש** בן רבי **מרדכי הלוי** זי"ע מ'טאהש
לזכר נשמת הרה"ק רבי **ישראל אברהם** בן רבי **אליעזר זוסיא** זי"ע מ'סקולען

Track 11

**ניגון ו'**

# וואו זענען די טרערן

מיט א בלאסן געזיכט אויסגעדארט
אזוי שטארק פארקלעמט און פאר'צער'ט
פול מיט ליידן און מיט פיין
קומט ער אזוי אין שטוב אריין
צום גרויסן חפץ חיים
זיין ווייטאג ס'שרייט ארויס
רבי, איך האלט עס מער נישט אויס
כ'בין אנגעוויזן אויף רחמי שמים

דער צדיק, דעם מצב אים באנעמט
זיין ריין הארץ ווערט אויך פארקלעמט
ער פילט מיט זיין לאגע
ס'ווערט אויך זיין דאגה
מיט רחמנות קוקט ער אים אן
דו מאכסט מיט אזויפיל צער
זאג מיר וואס דו האסט דערפאר
ביז אצינדער שוין אלץ געטאן

דער איד, ער ענטפערט דערויף
אוי, רבי איך פארליר נישט קיין האף
צום בורא עולם איך בעט
ער הערט דאך און ער זעהט
ווייל אין עוד מלבדו
מיטן תהילים'ל אין די האנד
שטיי איך שעה'ן נאכאנאנד
צום זיסן בורא, בעט איך זיך אזוי

איך בעט פונעם מלך מאזין
ער קען דאך אלעס באווייזן
פאר די וואס ליידן ליידער
העלפט ער כסדר
און ער קען מיך אויך דערפרייען
א סוף צו מיין קלעם
ווייל ישועת השם
איז דאך כהרף עין

דער צדיק פילט, דער מצב איז ענג
איך בעט דיך, דיין תהילים'ל מיר ברענג
דער איד איז מקיים, און פאר'ן חפץ חיים
דעם תהילים'ל אין די האנד גיט ער
מיט שטוינענדע בליקן
די בלעטער זענען גאר טריקן
מען זעהט נישט קיין פינטל פון קיין טרער

א ציטער נעמט אים דורך יעדעס גליד
זאג מיר נאר טייערער איד
קענסטו מיר ערקלערן, אוואו זענען די טרערן
גלאט געבעטן, און נישט געוויינט
נאר אויב דו ווילסט הערן, וועל איך דיר גערן
פארשטיין געבן וואס תפילה מיינט

זיין הייליג הארץ הייבט אן צו פלאמען
ער נעמט אפיר דעם תהילים פון זיין מאמע'ן
זעה נאר ווי עס שיינט און לייכט
די בלעטער נאך אינגאנצן פייכט
פון די טרערעלעך, וואס זי האט פארגאסן
יעדעס געבעט פון איר, מיט בכי' אן א שיעור
די שערי רחמים, אויפגעשלאסן

מלך מאזין שועה, אזוי פלעגט זי אלץ זיין מקוה
געבעטן מיט טרערן, ער זאל איר באשערן
א לעבטיג קינד א געטרייעם
פון אירע דמעות, מ'זעהט די תוצאות
א הייליג קינד ווי דער חפץ חיים

מלך מאזין שועה,
כביכול איז אויף דעם מתאווה
אוי טאטע זיי מסייע, מרן די בשמיא
לך מתחננן
ריכטיג זיין מכוון, אז בשעת איך דאווען
זיך קענען גוט אויסוויינען

**הניגון מוקדש**
**לעילוי נשמת**
**חותני היקר, איש**
**החסד והמעש**
**הרה"ח**
**ר' דוד**
**בן הרה"ח**
**ר' אפרים ז"ל**

**הונצח ע"י**
**משפחתו שיחיו**

**מחבר הניגון:** ר' משה גאלדמאן ז"ל
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' שלמה ברוין נ"י
**מנגנים:** ר' נתנאל ברוין נ"י עם הילד דוד לייפער נ"י

## Track 12

פאַרוואָס:

איי, ווען מ׳רעדט פון געגועים, ווען פון א הייליג אידיש הארץ שרייט אויס דער אינערליכע ברען, מיין איך צום בעסטן דאס ריכטיג סימבאליזירן מען קען, מיט וואס ס׳ווערט פארציילט אויפן הייליגן רבי׳ן פון סקולען / בשעת ער איז געזעצן אונטער גראטעס ביי די רומענישע רשעים, און אט ריקן זיך אונטער די ימי הדין די פארכטיגע טעג, די ימים נוראים / אבער דער הייליגער צדיק, זיצענדיג אין תפיסה הערמעטיש פארשפארט, נישט זיין פערזענליכע יסורים איז דאס וואס אים ארט, נאר דאס הייליגע הארץ איז פול מיט בענקשאפט זיין נפש גלוסט, אויף גאר העכער׳ס זיין נשמה גארט / געוואלד! ס׳איז דאך ראש השנה אויף דער וועלט, אבער קיין שופר האט ער נישט אין די הענט, אבער די נשמה מאנט, דאס הארץ פלאקערט אזש ווי פייער עס ברענט / וואס טוט דער צדיק? ער זאגט, באשעפער קיין שופר האב איך טאקע נישט, מיט וואס צו פארדרייען דעם שטן ער זאל ווערן צומישט / אבער דאס וועט מיין נאנטשאפט צו דיר באשעפער נישט אפשוואכן, אנשטאט בלאזן מיטן שופר, וואס טוט אויף גרויסע זאכן, וועל איך, הייליגער טאטע פאר דיר א נייעם ניגון מאכן / אוי זיסער באשעפער, נכספה וגם כלתה נפשי, שרייעט דער צדיק ארויס, פון בענקעניש צו דיר, מיין נפש גייט אויס / זאל דער ניגון מיט דיין הילף געראטן, און זאל דאס במקום שופר, צומישן און צושטערן דעם שטן.

## Track 13

## ניגון ז׳

# נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת ה׳ לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל קֵל חָי (תהלים פד, ג)

**הניגון מוקדש לעילוי נשמת**
**הרה״ח ר׳ שמואל אברהם**
**ב״ר יעקב קאפיל ז״ל וזו׳**
**צערל ב״ר אברהם צבי ז״ל**

**הונצח ע״י משפחתם שיחיו**

**מחבר הניגון:** הרה״ק בעל נועם אליעזר מ׳סקולען זי״ע
**מוזיק אראנדזשירט:** ר׳ שלמה זלמן וועכטער נ״י
**מנגן:** ר׳ יששכר גוטמאן נ״י
(בסוף הניגון קטע קטן מבעל המחבר זי״ע)

## Track 14

פאַרוואָס:

אזוי האבן צדיקי אמת געלעבט, מיט השתוקקות יעדע מינוט פון טאג, ס׳איז דיין רצון איך זאל עס נישט ערייכן אפילו מיט מיה און פלאג, וועל איך דיך אויב אזוי דינען, מיט וואס איך פארמאג / און באמת קען דאס יעדער ביי זיך אליין צומאל פילן ווען ס׳קומט א גוטע מינוט, ס׳דאווענט זיך עפעס, ס׳פילט זיך עפעס אויפן הארצן אזוי געשמאק אזוי גוט / און דאן טראכט ער אה, רבש״ע! הלוואי איך זאל דעם געפיל נישט פארלירן, דעם קרבת אלקים, די נאנטקייט שטענדיג שפירן / דאס הארץ גייט אויס פון בענקשאפט, ווייל טיף טיף זי פארשטייט, אז דאס איז אונזער קשר, די פארבינדונגס קייט / א קייט וואס בינדט אונז צוזאם, דאס איז דער פונק וואס צינדט אן דעם פלאם / דער פייער וואס טוליעט, אין אונזערע נשמות, און דערגרייכט אזש צו די גאר גאר הויכע עולמות / נו אויב אזוי איז דען א וואונדער אז דאס אידישע פאלק אין אלע תקופות, אין די שווערסטע אומשטענדן, ליידענדיג שטענדיגע פארפאלגונגען און רדיפות / זייענדיג פארוואגעלט פארווארפען פארהאסט פארפייניגט ביי אלע אומות, וואס איז נישט מער ווי נארמאל, אז דאס לעבן זאל ח״ו ווערן נמאס / אן עסן אן טרינקען שטייענדיג שעה׳ן לאנג אויף די פרעסטן אן רחמנות, אבער אויך דאן נישט אויפגעגעבן אפילו א מצוה קלה מיט אזא מין עקשנות / אינעם גרעסטן חושך ואימת מות, באהאלטן אין א לאך, אן קיין השגה נישט וויסענדיג, ווילאנג נאך, און ס׳איז נישט צום גלייבן, אז אין א זמן פון אזא בראך, דעמאלטס קומט גאר ארויס דער שמן זית זך / ווי דער מדרש זאגט אויף דעם, איז נישט קיין נייעס, אז אידישע קינדער זענען געגליכן צו א זית / ווייל אזוי ווי דער איילבירט גיט ארויס זיין אויל, נאר דורך ווערן צוקלאפט און צושטויסן, אט מיט די מדה, קענען מיר זיך אידישע קינדער גרויסן / אבותינו סיפרו לנו, איבער די גרויסע אידישע העלדן ביי די לעצטע וועלט מלחמה, מיט צוקלאפטע אויסגעהונגערטע גופים, געזוכט מיט וואס מען קען שפייזן די נשמה / צווישן באמבעס וואס זענען געפלויגן, יעדע רגע זעענדיג דעם טויט פאר די אויגן, טראץ די ביטערע פיזישע מחלות, האט אבער די חולת אהבה איבערגעוואויגן / דאס מסירות נפש דארט צווישן די האלצערנע באראקן, געזוכט אלע מעגליכקייטן אביסל מצות אויף פסח אפצובאקן / דארט, טיף שטייענדיג בצרה ובצוקה, איין פראבלעם איין שווערע מבוכה, ווי קען מען דא אויף עפעס אן אופן אויך אויפשטעלן א סוכה / אפאר תפילין, א שופר, א אתרוג, וכדומה, מיט די געדאנקען געפיבערט יומא ויומא / די דמעות של שמחה דערביי האבן געקענט אנפילן א טייך, די היסטאריע פון כלל ישראל מיט די געשיכטעס זענען רייך, און טאקע איינע פון זיי, וועלן מיר בעזר השם אט מיטיילן מיט אייך / וואס וועט אונז פריש איבערצייגן, אז צום הייליגן אידישן פאלק איז קיינער נישט גלייך.

Track 15

**ניגון ר"ח**

# דעם בלאזובער'ס שהחיינו

א שווערע תקופה בעמק הבכא
אזויפיל צרות יגון ואנחה
אידן אין מיליאנען
אויף די לאסט וואגאנען
ווערן נעבעך קיין אוישוויץ פארשיקט

דוקא דארטן, צווישן די פארברעכער
דערקענט זיך אז דער איד איז עפעס העכער
כאטש דעם פחד מות
דאך טיף אין די מחשבות
נאר רצון ה', דאס אים באגליקט

אידן זארגן שטייען פול מיט מורא
אט קומט חנוכה ווי נעמט מען א מנורה
צי וועלן די פלאמען קענען
אפילו דא אויך ברענען
צום ליכטיגן שיין ווערן געבינדן

א שטילע שמועה גייט פון אויער צו אויער
צווישן די באראקן דארטן ביים טויער
ווי גרויס די סכנה זאל נאר זיין
דער בלאזוב'ער רב דאך שטעלט ער איין
מיט געגועים, די אידן לויפן צום צינדן

ער הייבט אן זאגן להדליק נר חנוכה
מיט א פלאם אין הארץ ס'ברענט די אבוקה
ברוך אתה ה' אלקינו, שעשית נסים לאבותינו
אבער מיטאמאל ער הייבט אן ביטער וויינען
שהחיינו, ווי קען מען באמת מיינען
שהחיינו אויף וואס, וויל דער צדיק וויסן
ווען פון צרות דאס הארץ, ווערט אזוי צוריסן

דעם צדיק'ס פראבלעם די אידן זיי אלע כאפן
שטייען ארום, און די הערצער קלאפן

זיי ווייסן גוט וואס אים שטערט
פארוואס האט ער פלוצלינג אויפגעהערט
קען נישט אנהייבן דעם, שהחיינו

א פחד איז יעצט, אנצוקוקן זיין צורה
צי וועט ער פארט באווייזן די גבורה
מ'קען שניידן די לופט, אלעס איז שטיל
די אויגן פארוויינט מיט טרערן פול
קלי קלי למה עזבתנו

נאך פיינפולע מינוטן גאר אנגעצויגן
דער צדיק צו די מנורה זיך צוגעבויגן
שהחיינו שרייט אויס, מיט טרערן אין די אויגן
די אידן פארוואונדערט, וואס האט אים באוואויגן

טייערע אידן, כ'האב נאר געקענט צושטימען
כ'האב געזעהן ווי איר זענט אזוי איבערגענומען
ענקער בענקשאפט, איז א קלארע סימן
אז דער אידישער פלאם, איז נישט אוועקגעקומען

דאס האט מיר געגעבן חיות פרישע
אז אידן האבן כוחות אויסטערלישע
דערפאר שהחיינו באלד געמאכט
די זעלבע צייט שוין געטראכט
די ברכה איז אויף די ישועה פון להבא

נאר אביסל אמונה, דאס טוט זיך פארלאנגען
און גלייבן אז מיט טענץ און געזאנגען
ווערן מיר אט שוין באפרייט
און בקרוב אינאיינעם געזונטערהייט
שהחיינו אויסשרייען בשמחה רבה

**ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם**
**שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה**

**הניגון מוקדש**
**לעילוי נשמת**
**הרה"ח ר' דוד לוי**
**ב"ר יונתן בנימין**
**ז"ל**
**וזו' האה"ח**
**רבקה ב"ר זאב**
**ע"ה**

**הונצח ע"י בנם**
**הרבני הנגיד**
**התורני הרה"ח**
**ר' זאב**
**זיכערמאן הי"ו**

**מחבר הניגון:** הר"ר פנחס מרדכי וועבער נ"י
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' שלמה זלמן וועכטער נ"י
א ספעציעלע דאנק פאר הערשי פריעדמאן נ"י
**מנגן:** ר' וועלוול פעלדמאן נ"י
**שהחיינו:** ע"י הר"ר פנחס מרדכי וועבער נ"י

# פאָרוואָס:

**Track 16**

יא טייערע אידן שהחיינו וקימנו, איי איז דאס א ברכה, שהחיינו אז
מ'זיצט יו"ט אינאיינעם געזונטערהייט מיט די משפחה / אז מ'איז זיך
גוט מתבונן אין די ווערטער, פארשטייענדיג דעם פשוט'ן פשט, זיסער
באשעפער שהחיינו וקימנו והגיענו מיט הכרה בכל פרט ופרט
/ ברוך אתה השם שהחיינו דו האסט מיר געשאנקען דאס לעבן,
וקימנו מיין גאנצע עקזיסטענץ "האסטו" נאר מיר געגעבן / און אט
די ברכה, קען מען מאכן מיט א קול מצהלות, ווייל מ'איז מכיר, אז
נאר דער בורא עולם אליין, ער טוט אלעס / און די זעלבע הכרה, דארף
זיין ביי אונז איינגעבאקען בכל עת ובכל שעה, אפילו ווען די געפילן פון דאנק
און לויב, זענען נישט פונקטליך אייביג דא, אבער פארט זאגן חז"ל כשם שמברך
על הטובה כך מברך על הרעה / יא מענטשעלע עס טוט דיר וויי, ס'איז זייער נישט
אנגענעם, אבער לאמיר נאר דערהערן, וואס דער הייליגער בעל התניא זאגט אויף דעם
/ ווען השי"ת שענקט א איד גוטס, און ער האלט דאס אין איין באקומען, איז דאס נישט
דוקא אויף זיין גרויסע אהבה א דירעקטע סימן / נאר אדרבה, ווען ער באקומט עפעס א
פעטשל חס ושלום, איז דאס נאך מער באווייז אויף די אהבה פונעם רבון עלם / פונקט ווי א
טאטע איז גרייט צו רייניגן און אפוואשן זיין קינד, ער קען דאס בלויז באווייזן ווייל ער איז זיין
זון, ס'איז דא א ליבשאפט בינד.

דאס זאגט דוד המלך, גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, אפילו ווען איך גיי אראפ אין פינסטערן
טאל, וואו ס'איז אין יוצא ואין בא, האב איך פארט נישט מורא אין אזא גורל'דיגע שעה, ווייל איך בין
זיכער אז דו ביזט מיט מיר טאטע אויך דא / ווייל דוד המלך האט פארשטאנען, אז דאס איז די גרעסטע
התגלות וואס איז פארהאנען / אוודאי ווילן מיר און מיר בעטן צו זעהן אפענע חסדים גלויים, אבער ווען
מ'דערזעהט זיך ח"ו אין א שווערן מצב, מ'מאכט מיט פארשידענע עינויים / לאז נישט דיינע מחשבות
דיך עגבערן, און טראכטן אז השי"ת האט דיך פארלאזט חלילה, נאר אדרבה, השי"ת האט דיך ליב ער
וויל דיך נענטער ברענגען, דאס איז בלויז איין תחבולה.

און לאז די טיפע ווערטער פונעם הייליגן בעל התניא, זיך גוט ארייננדרינגען אין דיינע מחשבות, אז
דער גאנצער תכלית הגלות איז, אז דער מענטש זאל שפירן דעם בורא השוכן בעמי ערבות, אפילו ווען
ס'גייט אים נישט גוט, ווען ס'איז א בחינה פון בגיא צלמות / און דאס וואס ער שפירט דעם אויבערשטען
ווען ס'גייט אים גוט, איז דאך נישט קיין חידוש בכלל, השי"ת וויל זאלסט אים שפירן און גלייבן אז ער
איז מיט דיר אויך אין דעם פאל / איז אז דער רבוש"ע גיט אונז אמאל דעם ביטערן טעם צו פארזוכן,
לאמיר נישט לאזן אונזערע געפילן חס ושלום פארקריכן / לאמיר זיך חלילה וחס נישט פארלירן, בעטן
השי"ת אז אויך אין אזא מצב זאלן מיר זיין נאנטשאפט שפירן / דעריבער ווען עס טרעפט זיך, און ווי מיר
ווייסן טרעפט עס זיך גאנץ אפט, אז ס'איז נישט פונקטליך אזוי ווי דו האסט געפלאנט, צי ווי דו האסט
געהאפט / ווער נישט פארשוועמט אין א ים פון געפילן, יא ס'איז מיין שולד, ווען איך וואלט געטון
אנדערשט, וואלט זיך אנדערע אויסגעשטעלט דאס בילד / און אט די סארט געפילן און די מחשבות פון
מענטשן, האלטן אין איין קאכן, ער ווערט אינערליך דערשלאגן און גייסטיש צובראכן, און אזוי קען ער
נישט שלאפן גאנצע טעג און וואכן / דאס זאגט דער בעש"ט הקדוש איז פשט רשעים מלאים חרטה,
ווייל זיי גלייבן, אז דער אנזעץ איז געשען א דאנק זייער החלטה / און זיי טראכטן נישט באמת אז פונקט
ווי ווען זייער הצלחה האט געשיינט, האט השי"ת דיר אריינגעגעבן די גוטע עצה, ער און נישט דו האט
עס פון פריער געפלאנט / די זעלבע אצינד, ווען דו האסט געמאכט אזא נארישן באשלוס, האב נישט
קיין פאראיבל קיין ווייטאג קיין פארדרוס / ווייל אזוי איז געווען דער רצון העליון, און אזוי דארף עס
זיין, מיר ווייסן גארנישט, מיר פארשטייען גארנישט, און מיר רעדן נישט אריין / דערויף קענען מיר געבן
כמה וכמה דוגמאות, ווי מיר מיינען אז מיר האבן געמאכט דעם טעות, און ווערן פיל מאל אנטוישט פון
די אומגינסטיגע תוצאות / און לאמיר איינזעהן איינמאל פאר אלעמאל, אז השי"ת ער באשלוסט אלעס,
בזכות זה וועלן מיר טאקע זוכה זיין, צום גרויסן התגלות.

Track 17

**ניגון ט'**

# דיין פאראיבל

גייט א אידל אויפן גאס
א סוחר פון די ערשטע קלאס
פון זיין רייכטום אוי ער פאנטאזירט
נישט קיין סאך ווי מיר מ'טרעפט
אזוי פארשטיין צו א געשעפט
מיט מיין חכמה פארט עס ווי געשמירט
א שמייכעלע אזוי געשמאק
איז אויסגעגאסן אויף זיין באק
מיט מיין שכל און מיט מיין פארשטאנד
קען איך רואיג מיט א שטאלץ
קויפן גאנצע וועלדער האלץ
שיין פארדינען וועל איך נאכאנאנד

דער פלאן אזוי אייזן
קען גארנישט גרייזן
כ'וועל יעדן ווייזן
איך בין דער
גאר געניטער גרויסער ביזנעסמאן
איי וועט מיר געפעלן
ווען אלע וועלן
ביי מיר באשטעלן
האלץ וואס מער
איי איי איי, גליקליך, זיין וועל איך דאן

א מקח מאכט ער
פון יעדן לאכט ער
און אזוי טראכט ער
אלס גביר
פונעם שטאט, וועל איך ווערן באערט
זיצט א פארקלערטער
מיטאמאל הערט ער
ווי אנטוישט ווערט ער
וויי איז מיר
פרייזן טראסקען,
האלץ פיל ביליגער ווערט

**קיין פאראיבל האב גארנישט אויף דעם**
**די באשלוס געהערט צום בורא נאר צו אים**
**ער פארשטייט, און זעהט יעדן פראבלעם**
**און פונקטליך געבן ווייסט ער וואס,**
**פאר וועם**
**און אז דיין מסחר**
**האט יעצט נישט באגליקט**
**פונעם דורכפאל ווער נישט צודריקט**
**נאר דער בורא, וואס פון אויבן קוקט**
**די עצה, דיר דירעקט האט ער געשיקט**

**דערפאר מיין ברודער אויב דו טראכסט**
**החלטות סיי נאר ווען דו מאכסט**
**אז דאס איז גענצליך נישט דיינס א באשלוס**
**איז שטענדיג בלויז אויף פאראויס קוק**
**טראכט שוין מער נישט אויף צוריק**
**ס'איז א גרויסע שאד, אויף דיין פארדרוס**

גיט א אידל אויף גאס
אינגאנצן אנגעצויגן בלאס
פארמאגט א שטוב א פולע הויז געזונד
זיין מנוחה איז צושטערט
פון וואס ער האט נאר וואס געהערט
א פראבלעם אנטדעקט ביי זיינס א קינד
ער הייבט אן לויפן אין איין צו
לויפט און לויפט און ווייסט נישט וואו
דעם בעסטן דאקטער ווי נעם איך אפיר
מיט גרויסע מומחים שוין גערעדט
יעדער זיינע עצות געט
ווער ווייסט אבער, וואס איז גוט פאר מיר

אלעס פרובירן, צייט נישט פארלירן
קלאפן אויף טירן
ביז איך וועל
דאס בעסטע טרעפן פאר מיין ליבן קינד
נישט קוקן אויף קאסטן
אלעס געמאסטן
אפשר קיין באסטאן
פארן שנעל
ס'איז דאס בעסטע פלאן,
וואס זעהט אויס אצינד

ביים דאקטער שטיי איך
הענט אין די הייעך
און אזוי ווייעך
קלאר ער זאגט
די היילונג וועט זיין גאר גאר קאמפליצירט
אינגאנצן צובראכן.
פיל צאמגעשטאכן
טעג און וואכן
זיך געפלאגט
דער מצב ליידער נאך זיך,
גארנישט גערירט

**קיין פאראיבל האב גארנישט אויף דעם**
**די באשלוס געהערט צום בורא נאר צו אים**
**ער פארשטייט, און זעהט יעדן פראבלעם**
**און פונקטליך געבן ווייסט ער וואס,**
**פאר וועם**
**אז דיין קינד'ס רפואה**
**האט נאכנישט באגליקט**
**פון שולד געפילן שפיר דיך נישט דערשטיקט**
**נאר דער בורא, וואס פון אויבן קוקט**
**צו דעם דאקטער האט ער דיך געשיקט**

**דערפאר מיין ברודער אויב דו טראכסט**
**החלטות סיי נאר ווען דו מאכסט**
**אז דאס איז גענצליך נישט דיינס א באשלוס**
**איז שטענדיג בלויז אויף פאראויס קוק**
**טראכט שוין מער נישט אויף צוריק**
**ס'איז א גרויסע שאד, אויף דיין פארדרוס**

גייט א אידל אויפן גאס
פארמאגס א זון וואס לערנט ש"ס
מתמידים ווייניג דא אזעלכע
אט עס קומט א נייער זמן
ער זוכט און טראכט ביי יעדן שפאן
א ישיבה, אבער וועלכע
נאך א דאגה וואס אים שטערט
זיין טאכטער באלד שוין אכצן ווערט
שוין אפגע'פסל'ט באלד א האלבע וועלט
זיין טרוים דארף שטימען אקוראט
א בחור צו ג-ט און אויך צו לייט
פארן שדכן ליגט שוין גרייט דאס געלט

די טעג ממש קריכן
האלט אין איין זוכן
ענדליך שוין מוכן
טון דעם שריט
אויך אין גאס עס רינט שוין באלד ארויס
האלט שוין ביים ווערן
עפעס נעמט שטערן
הייבט אן צו הערן אוי נישט גוט
דער שידוך ווי א חלום
לאזט זיך עס אויס

אויך א ישיבה
א גוטע סביבה
כוחות מאסיווע
ביז פאר אים
געפונען ענדליך שוין א פאסיגע ארט
נאכאנאנד האפן
פיל טעג געלאפן
האט זיך געטראפן
א פראבלעם
קיין תכלית ליידער,
נישט געהאט האט ער דארט

**קיין פאראיבל האב גארנישט אויף דעם**
**די באשלוס געהערט צום בורא נאר צו אים**
**ער פארשטייט, און זעהט יעדן פראבלעם**
**און פונקטליך געבן ווייסט ער וואס,**
**פאר וועם**
**אז דיין אויסוואל פון ישיבה,**
**האט נישט באגליקט**
**ווי אויך דער שידוך וואס האט דיך אנציקט**
**נאר דער בורא, וואס פון אויבן קוקט**
**די געדאנקען האט ער דיר געשיקט**

**דערפאר מיין ברודער אויב דו טראכסט**
**החלטות סיי נאר ווען דו מאכסט**
**אז דאס איז גענצליך נישט דיינס א באשלוס**
**איז שטענדיג בלויז אויף פאראויס קוק**
**טראכט שוין מער נישט אויף צוריק**
**ס'איז א גרויסע שאד, אויף דיין פארדרוס**
**געדענק דער בורא איז בעל הבית**

**הניגון מוקדש**
**לעילוי נשמת**
**הילד יצחק זאב**
**ע"ה ב"ר אליעזר**
**יקיר נ"י**
**ולע"נ אמו**
**האה"ח רבקה**
**ליבא ב"ר שלמה**
**הלוי ע"ה**

**הונצח ע"י**
**משפחתם שיחיו**

**מחבר הניגון:** הר"ר פנחס מרדכי וועבער נ"י
**ספעציעל'ע דאנק:** הר"ר אלי' ברייער נ"י
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' שלמה זלמן וועכטער נ"י
**מנגן:** ר' משה אייזענבערג נ"י
**ספעציעל'ע דאנק:** פאר ר' יואל ברוין נ"י

# פאַרוואָס:

Track 18

אבער כדי צו דאווענען, און פילן דעם לשמוע אל הרינה, מוז מען פריער גלייבן מיט א פולקאמע און פעסטע אמונה / דאס ערשטע, אז יעדע תפילה פון א איד ווערט אנגענומען בשמים, אפילו איך בין נישט איבערגעצייגט, אז מיינע בקשות ווערן תיכף נתקיים / און ווי ווייט דאס גייט, לאמיר גוט דערהערן די פחד'דיגע ווערטער, וואס אין מאור עינים שטייט / אז אויב איז די אמונה פונעם מענטש פארהוילן, ווען נישט נאר זיינע אייגענע תפילות גארנישט פועל'ן / נאר אויך וואס א צווייטער איז מתפלל פאר אים, וועט מען זיך אין הימל נישט צוהערן צו דעם.

צווייטענס, איז אמונה אין זיך אליינ'ס, אז אויך מיינע תפילות האבן א חשיבות, ווען ס'קומט צו דאווענען, ווער נישט פלוצלינג געפאלן, פראווע נישט קיין עניוות / און פונעם קאברינער שטייט נאכמער, כידוע, אז ווען א איד איז די ריכטיגע כוחות ביים דאווענען משקיע, וואלט ער געדארפט האבן א זכיה, אז תיכף ומיד זאל ער זעהן די ישועה / איי במציאות פיל מאל נאכן דאווענען ערליך כדין, זעען מיר נאכנישט די ישועה, ס'שיינט נאכנישט די זון, זאגט ער, אז די סיבה דערפון, ווייל מיר גלייבן אליינס נישט באמת דערין .

רבי שלמה קארלינער, האט ביים דאווענען באמערקט א איד מלא פראבלעמען לא עלינו, ווי ער צושרייט זיך מיט גרויס וויטאג ביי די ווערטער ויפרקנו מצרינו / כאפט ער אים אן, זאג נאר דו גלייבט באמת אז דאס מיינט אויך דיך, אז פון דיין פעקעלע צרות קענסטו אויך אויסגעלייזט ווערן שנעל און גיך / אויב אזוי, איז נישט קיין ספק, ס'איז נישטא וואס צו קלערן, אז דו וועסט זיכער מיט א ישועה שנעל געהאלפן ווערן - וכן הוה.

אויפ'ן פסוק ויפגע במקום זאגט דער הייליגער רבי אהרן קארלינער, אווארט וואס מיר אלע קענען זיין דערפון גרויסע פארדינער / אז יעקב אבינו האט ביים בורא פאר אלע דורות, א כח התפילה אויסגעטרעטן, אז אין יעדן מקום און אין יעדן זמן ווי א איד וועט אמת'דיג בעטן / זאל השי"ת מקבל זיין די תפילות ובקשות פון יעדן איינעם, און מיר דארפן טאקע מכיר זיין, אז ער ווייזט נישט צוריק די תפילה פון קיינעם / אמונה, שטייט אין אלע הייליגע ספרים, איז א לשון פון המשכה, דורכ'ן גלייבן באמת, איז מען ממשיך אויף זיך די גרעסטע ברכה / / דער הייליגער בעל התניא זאגט: אויב א מענטש גלייבט בעת צרה אין א שווערע מינוט, אז ס'קומט פון השי"ת אליין, ער איז דער וואס פירט און טוט, איז ער גורם דערמיט, אז ס'וועט טאקע בגלוי איבערגעדרייט ווערן אויף גוט / דער הייליגער דברי יחזקאל זאגט, אברהם אבינו בעט פאר סדום אן א שיעור, מיט דעם אלעם וואס ער האט גארנישט אויסגע'פועל'ט פאר איר, איז ואברהם שב למקומו עס גיבט אים נישט קיין ריר, ער בלייבט די זעלבע דרגה, שב למקומו, פונקט אזא מאמין ווי פריער / און ער פירט אויס... אז דאס זעלבע פארלאנגט זיך פון יעדן איד, דו האסט געבעטן, אפילו האסט למעשה נישט גע'פועל'ט, ווער נישט מיד / דאס אליין אז דו האסט מתפלל געווען, האסטו שוין דערגרייכט, די תפילה איז געבליבן אויף אייביג, ס'איז נצחיות, עס שיינט און עס לייכט / זאל מען גוט געדענקען, אז יעדע טרערעלע, יעדעס קרעכצעלע, יעדע זאך, האט ביים אונזער ליבן טאטן אין הימל א ספעציעלע פלאץ, עס איז גאר א רייכע אוצר, וואס האט נישט קיין שאץ / עס קומט א צייט ווען מ'נעמט דאס אפיר, אמאל פאר די אייניקלעך, פאר די קינדער, און אפשער גאר פאר דיר.

Track 19

**ניגון י׳**

# איך גלייב באמונה

אני מאמין
באשפעער איך טו גלייבן דערין
אז יעדע תפילה
טוט א פעולה
אפילו אין גלות בזמן הזה
וואס ס'קומט פון הארץ ארויס
טאטע זיסער הערסטו אויס
כי אתה שומע תפלת כל פה

אני מאמין
א שטארקער מאמין מיט אן אמת איך בין
אז דו ביזט פון אלעם גרעסער
און דו ווייסט בעסער
וואס איז גוט פאר מיין נשמה און גוף
כ'גלייב באמונות
אז דיין רחמנות
איז פיל העכער פון אונזער באגריף

אוי ואף על פי
איך בעט און איך בעט מיך אין איין צו
כ'ווייס נישט טאטע פון ווען און פון וואו
מאין יבא עזרי
עם כל זה אחכה
אז לעכטיגע טעג און געשמאקע
איז פאר מיר זיכער אויך אנגעגרייט
נאך אביסל קומט דאס לעכטיגקייט

אני מאמין
איך בין איבערצייגט דערין
אז ביי דיר גרויסער יוצר
געפינט זיך אן אוצר
פון אזויפיל אידישע טרערן
די טרערן קוואלן
וואס זענען אלץ געפאלן
פון דור נאך דור אן אויפהערן

אני מאמין
אפילו חלילה ס'זעהט אויס ווי מדת הדין
גלייב איך בכל זאת
פאר מיין טובה איז עס בלויז
א פשוט'ער מענטש קען דאס נישט פארשטיין
בין איך אבער בטוח
בביאת המשיח
וועל איך דאס, אויך איינזעהן אליין

אוי ואף על פי
כ'בין דערווייל נאכנישט זוכה דערצו
גלייב איך אז העלפן, טאטע וועסטו
ה' היה עוזר לי
עם כל זה אחכה לו
ווארטן און האפן, און טאקע נאר אזוי
וועל איך שפאלטן און עפענען די חלוני רקיע
ממשיך זיין מיין ישועה
אני מאמין

**הניגון**
**מוקדש לע"נ**
**45 נפשות**
**יקרות מתי**
**מירון יהא**
**זכרם ברוך**
**ת.נ.צ.ב.ה.**

**מחבר הניגון:** ר' משה גאלדמאן ז"ל
**מוזיק אראנדזשירט:** ר' שלמה זלמן וועכטער נ"י
**מנגנים:** הילד דוד לייפער נ"י
עם ר' מרדכי שבתי ברוין נ"י

שלום:

Track 20

**אברעמל:** הילד
שלמה בריעדמאן נ"י,
שיכון סקווירא

**חבר:** הב' מאיר
בריעדמאן נ"י, ק"י

**מנגנים פליאה /**
**מלאכים:** ר' אליעזר
יקיר ברוין, עם
הילד שלמה
בריעדמאן נ"י

...די בעל קלינגט שוין... אזוי שנעל?! טאקע אינטערעסאנט אייביג פונקט ביים שפילן לויפט די צייט אזוי שנעל אדורך...

**אברעמל, אברעמל...** / יא יא רבי דא בין איך. / **נו אברעמל, וויאזוי איז געווען דיין פארברענגען היינט אין הויף?** / זייער גוט ס'געווען העכסט איינגענעם ב"ה, געלויבט איז דער הייליגער באשעפער. / **אברעמל.. איך מוז דיר זאגן כ'בין ממש אנציקט וויאזוי דו ענטפערסט, און וויאזוי דו טראכסט פון הייליגן באשעפער, און דו פארשטייסט שוין אזוי יונגערהייט, אז א איד איז שטענדיג נאר מיט'ן אויבערשטן... דאס דארף זיך א איד כסדר איינקריצן אין זיין מוח נאך פון גאר יונגערהייט.. צומאל מיט א ניגון, ווערט דאס נאך שטערקער איינגעקריצט...**

**פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ, אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח. אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ...**

אברעמל הער דיך גוט צו צום צווייטן ניגון יעצט, ווייל דאס וויל איך זאלסט אויפכאפן:

**מלאכים שרפים ואופנים פרעגן וואו איז דער באשעפער... אוי ויי, וואס ענטפערט מען זיי לית אתר פנוי מיניה.**

**נו אברעמל כאפסט דעם ניגון? קענסט שוין דעם ניגון אביסל?** / איך קען פרובירן מיטן אויבערשטן'ס הילף... / **נו לאמיר זעהן** / מלאכים שרפים ואופנים פרעגן וואו איז דער באשעפער... אוי ויי, וואס ענטפערט מען זיי לית אתר פנוי מיניה. / **זייער שיין האסטו דאס איבערגעזינגען... יעצט זאג מיר נאר צי ווייסטו אויך דעם באדייט פון די ווערטער?** / נישט פונקטליך.. וואס איז טאקע די ריכטיגע באדייט? / **וואס דאס באדייט? דאס באדייט אז דער אויבערשטער איז איבעראל און אייביג, ס'נישטא קיין פלאץ וואו דער אויבערשטער איז נישט! ווי ס'איז באקאנט פונעם הייליגן ראפשיצער רב זי"ע ווען נאך אלס קינד האט אים איינער געזאגט: נפתלי! איך וועל דיר געבן א מטבע אויב דו וועסט מיר זאגן וואו דער אויבערשטער איז... רופט זיך אן דאס הייליגע קינד, מיט זיין גרויס פקחות: איך וועל אייך געבן צוויי מטבעות אז איר וועט מיר זאגן וואו דער אויבערשטער איז נישט... דער אויבערשטער איז איבעראל ס'איז מלא כל הארץ כבודו, געדענקסט נאך די ווערטער וואס מיר האבן נאר וואס געזינגען? לית אתר פנוי מיניה.**

**נו גוט אברעמל, ס'שוין צייט אהיימצוגיין כ'הער שוין די באסעס פארן...** / נישט קיין פראבלעם כ'קען גיין צו פיס... / **אבער מיט וועם וועסטו גיין?** / וואס הייסט מיט וועם? מיט'ן אויבערשטן... / **אה געוואלדיג! נו זיי מצליח...** / אה זיכער! וואס פאר א פראגע? אז איך גיי מיטן אויבערשטן, וועל איך אוודאי מצליח זיין!

יא יא טייערע אידן, אז מ'ווייסט און מ'חזר'ט כסדר כל הימים, אז וואו איך שטיי און גיי, גייט מיט מיר מיט דער בורא כל העולמים / אין פריילעכע מצבים, צי חלילה נישט אין אזעלכע איינגענעמע, דארפן די ווערטער, כי אתה עמדי, שטענדיג זיין די טעמע / כי עמנו קל, און ענליכע פסוקים, 'חזר' דיר איין כל ימיך, און זיך מחזק זיין, חזקו ואמצו כי השם אלקיך הוא ההולך לפניך.

חזקו ואמצו
ברידערלעך קומטס צו
אביסל נענטער צום אדון כל
אל תיראו ואל תערצו
מיט בטחון ווארטס צו
וועט ענק זיין גוט און וואויל

אידעלע געדענק גוט
ס'איז נישט נאר געווען גוט
נאר טראכט אין דעם זייער טיף אריין
גלייב אז דער הוה
איז אויך לטובה
און בעתיד וועט נאך בעסער זיין

**מחבר הניגון חזקו ואמצו:** ר' אליעזר יקיר ברוין נ"י
**מנגנים:** מקהלות עם הילד אברהם יודא ברוין נ"י

# הארציגע דאנק אויסדרוקן

אזא פראיעקט, פון צו זיין די ניגונים אויסקלויבער
ווערטער זאלן אזוי גוט זיצן, זאגן אלע מיט צויבער
אדאנק די מומחיות פון הרה"ח ר' **דוד זלמן שטויבער**
אז מיר קענען געפונען אזא בעל כשרון ווי ר' דוד זלמן
חסידישקייט מיט טאלאנט פאראלעל, איז ישראל לא אלמן

מוזיק אראנדזשירן, שטימעס רעקארדירן, מיט קווייער'ס דאס באצירן,
אסאך פרובירן, אבער ווייניג קענען קאנקורירן
ווייל א פאכמאן א עכטער,
איז **שלמה זלמן וועכטער**

**יואל פאלקאוויטש**, אראפלייגענדיג דעם ערשטן ניגון
האסטו ב"ה אלע ערווארטונגען איבערגעשטיגן

**אייזיק האניג**, כשמו כן הוא
אזוי הארציג, אזוי נשמה'דיג, מיט "האניג" דערצו!

**שמעון יואל וועבער**, א פראפעסיאנאלער אראפ געבער
ברא כרעא דאבוה, מ'קען דאס הערן כמעט אין יעדע תנועה

**מנחם מאשקאוויטש**, אוי וויפיל אידן געניסן
פון דיין שטימע דעם זיסן, ס'טוט זיך מיט ווארימקייט צוגיסן
אלע ברכות זאלן צו דיר אריינפליסן

א נכספה, פון הייליגן רבי'ן פון סקולען,
מיט אזויפיל הארץ און ברען
א זאך וואס נישט יעדער קען
אוודאי **יששכר גוטמאן**! ווער דען?

**וועלוול פעלדמאן**, פארנומען טאג און נאכט
אויפגעבן אויף דיר, האב איך שוין אפילו געטראכט
אז כ'האב דאס ערררייכט, אוודאי א "שהחיינו" געמאכט
אבער כ'מוז מודה זיין סוף כל סוף,
אז ס'האט זיך געלוינט צו ווארטן דערויף!!!

**משה אייזענבערג**
מיט דיין געבענטשטע שטימע און טאלאנט,
נישט קיין וואונדער אז אלס איבערגעפונער מנגן
ביזטו אין די וועלט באקאנט

דוד, ווערט באטיטלט, נעים זמירות ישראל,
פון דוד'ס זינגען ווערן טאקע אלע נתפעל
פון די געבענטשטע טאלאנטן פון הילד בנש"ק **דוד לייפער**
קען מען באמת שרייבן א גאנצע ספר

יישר כח, הבחור **מענדל הלוי ווייס**,
פארן צוגעבן זיסקייט, ביתר שאת

ספעציעלע דאנק
פאר די שלשה אחים, מיינע טייערע קינדער,
**נתנאל, מרדכי שבתי,** און **אברהם יודעלע**
פאר'ן צוגעבן אזויפיל שיינקייט יעדער עקסטער מיט זיין לידעלע!

יישר כח מיוחד לכבוד ידידי מחנך נפלא בחסד עליון ומזכה הרבים
**ה"ה הרה"ג ר' הלל יואל קעפעטש שליט"א,**
על עזרתו בכל לבו ונפשו

תודה מיוחדת לכבוד ידידי ר' **יעקב שלום שטיינבערג**

**דוד הערשקאוויטש**, דיין אונטערשפילן מיטן כינור דוד
איז געשמאק צו הערן, זאלסט זוכה זיין צו עושר וכבוד

**אפרים בערקאוויטש**
דיין טאלאנט און הארץ איז נישט מעגליך צו ערקלערן
איר וועט דאס בעסער פארשטיין ווען איר וועט דאס איבערהערן

**נתנאל שטיינמעץ**, א חידוש, דאס ערשטע מאל אין לעבן,
אזא ארעינדזשמענט ארויסצוגעבן
א גרויסן יישר כח מעומק הלב,
פאר מיין חשוב'ע נעפיו המלמד הנפלא ר' **נתנאל זאב**

**מרדכי שמואל נאה,**
דיין געבענטשטע טאלאנטן, מאטי קלאר מ'זעהט
פון דיינע ארענדזשמענט אויפ'ן ניגון א געבעט
ווי אויך דיינע מוזיקאלישע אונטערשפילן,
ברענגט ארויס דיינע טיפע געפילן

מיין חשוב'ע נעפיו **שלמה ברוין**,
אן ארעינדזשער איינס פון א מיליאן
מיט אזויפיל הארץ און נשמה, ביזן דערגרייכן די השלמה

ידידי איש האשכולות, בעל כשרון רב ונפלא מאד עם כל המובנים
**הרה"ח ר' פנחס מרדכי נ"י**, המפורסם בעולם בתור מלך הבדחנים
יישר כחך על החידושים שחיברת השני ניגונים,
מלא הרגשים, מדבש מתוקים, יקרים מפנינים
עם הניגונים שלך, ההרים והגבעות פצחו
הזכותים הגדולים יעמוד לך לזכות נצחי

**אלי' ברייער,**
יארן פון פירן א קווייער,
האט פיל צוגעגעבן צו שטייער
אזא קאמפאזיטאר ווי דו, בפרט מיטן נייעם ניגון לויב געזאנג,
וועט אי"ה האבן אין די וועלט א ברייטן און ווייטן אפקלאנג

"טובים השנים מן האחד"
צוויי חשוב'ע יונגעלייט, מיט איין יסוד
**מענדי פעקעטע** און **יודי לאנדא**,
גרויסע כוחות משקיע געווען אינאיינעם
צו קענען אהערשטעלן אזא רייכן אלבום, און אזא שיינעם

א ספעציעלן דאנק פאר
**הערשי פריעדמאן, בערי קארפן, נתי לאנדא, אברהמי מאשער**
האבן צוגעלייגט שיינע קאלירן,
מיט'ן ארויסהעלפן די מוזיק אראנדזשירן

אויך מיין חשוב'ע נעפיו **יואל ברוין**
קוקן אלע מיט שטוינען!!
ווי אט פון אזא שטילן יונגערמאן אן אומבאקאנטן,
האט ארויסגעשפראצט אזעלכע אויסטערלישע טאלאנטן... צלח ורכב!

א הארציגן דאנק פאר **יואל הערש** און **נתנאל ברוין**
פאר'ן שטיין שטענדיג גרייט
מיט אן אויסטערלישן איבערגעגעבנקייט

חזקו ואמצו, באמת מורה
ידידכם: יקיר

לטובת נשמת
האברך היקר הבלתי נשכח
"וואס האט געלעבט מיטן אויבערשטן"
**משה ע"ה בן יבלחט"א הרה"ג ר' דוד יוסף שליט"א**
למשפחת הערצאג
הונצח על ידי משפחתו

לע"נ הגה"צ רבי שמואל זאב בן רבי נח ז"ל

לע"נ הגה"צ רבי יואל בן רבי אורי זצ"ל

לע"נ הרה"ח ר' אברהם יעקב ב"ר פנחס יהודה ז"ל

לע"נ שעניא ב"ר יחזקאל שרגא ע"ה

לע"נ גאלדא רויזא ע"ה ב"ר קלונימוס נ"י

לע"נ צבי מאיר ב"ר מנחם מענדל ע"ה

לע"נ הרה"ח ר' אליהו דוד ב"ר יצחק הלוי ז"ל

לע"נ חי' בילא ב"ר ברוך ע"ה

לע"נ מרדכי ב"ר חיים יעקב ז"ל

לע"נ חיילה ריזל ב"ר בנימין הלל ע"ה

לע"נ בנימין זאב ע"ה בן יבלחט"א אחי הר"ר שמשון ברוך נ"י

לע"נ הילד יואל ע"ה בן יבלחט"א אחי הר"ר שמחה בונם נ"י

לע"נ חי' צארטל ע"ה בת יבלחט"א הר"ר יואל הכהן נ"י

לע"נ אהרן ב"ר יהוסף ז"ל

לע"נ אברהם צבי ב"ר זאב ז"ל

לע"נ האה"ח זלאטא ע"ה
בת יבלחט"ט ישכר ישראל יהושע הלוי נ"י

לע"נ צבי ב"ר ישכר דוב ז"ל

לע"נ צבי אלימלך ב"ר משה אליהו ז"ל

לע"נ אברהם מאיר יעקב ב"ר אלכסנדר יו"ט ליפא ז"ל

לע"נ צלאווא גיטל ב"ר חיים ע"ה

לע"נ יהושע שלום ב"ר יהודה עזריאל ואסתר ז"ל

לע"נ יהושע צבי ב"ר ישראל ז"ל

לע"נ ישראל ב"ר יעקב ז"ל

לע"נ פיגא הענטשא ב"ר פנחס ע"ה

לע"נ יוסף בנימין ב"ר פנחס לוי ז"ל

לע"נ גיטל עלקא ב"ר שלמה הכהן ע"ה

לע"נ שרה ב"ר אשר אנשיל ע"ה

לע"נ הרה"ח ר' אהרן ב"ר יעקב הכהן ז"ל

לע"נ רבקה ב"ר מרדכי יהודה ע"ה

לע"נ יוטא לאה ע"ה בת יבלחט"ט ר' יהושע נ"י

לע"נ מנחם מענדל ב"ר אברהם אבא ז"ל

לע"נ חיים יקותיאל ב"ר אברהם ז"ל

לע"נ שמואל צבי ב"ר יצחק ז"ל

לע"נ אברהם ב"ר אהרן הלוי ז"ל
וזו' מרת ברכה ב"ר בנציון הלוי ע"ה

לע"נ שלמה צבי ז"ל בן יבלח"ט ר' משה זאב נ"י

לע"נ הר"ר ארי' לייב ז"ל בן יבלח"ט ר' יהושע בירך נ"י

לע"נ משה יהודה ז"ל בן יבלח"ט ר' אהרן יוסף צבי נ"י

לע"נ אברהם יצחק ב"ר יוסף ז"ל

לע"נ יצחק יעקב ב"ר אביעזר ז"ל

לע"נ רבי מרדכי ב"ר יצחק פעטעני זצ"ל
מ'סערדאהעלי בעל אמירה דכיא תרפ"א

לע"נ יוטא ב"ר אברהם שלמה הכהן ע"ה
שנתגדלה כבת אצל הרה"ק רבי אליעזר זוסיא מ'סקולען זי"ע

לע"נ שלמה יחיאל מיכל ב"ר משה ז"ל

לע"נ מלכה ב"ר יהודה ארי' ע"ה

לע"נ יצחק משה ב"ר יהושע ז"ל

לזכות יחזקאל שרגא בן רבקה וכל משפחתו שיחי'

לזכות מרדכי בן גיטל פרומט וזו' שיחי' להצלחה בכל הענינים

לזכות האחים יחזקאל דוד בן בתי' נ"י
ושלמה בן בתי' נ"י
ולע"נ אמם החשובה בתי' ב"ר יונתן בנימין ע"ה

לע"נ דוד ב"ר יעקב זאב ז"ל

לע"נ אהרן צבי ב"ר אפרים ז"ל
וזו' חנה גיטל ב"ר משה אהרן ע"ה

לע"נ אהרן יהושע ב"ר שמואל ז"ל ◆ לע"נ פסח ז"ל ב"ר חנני' יו"ט ליפא נ"י